STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09486

ZIKHROYNES

Jacob Field

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב בּיעלד

זכרונות

געקליבענע לידער

פּאַלם ספּרינגס, קאַליפאָרניע

1966

JACOB FIELD

MEMORIES

POEMS

PALM SPRINGS, CALIFORNIA

1966

מיין וויג איז דאָרט געשטאַנען

אין מיין שטעטל כעלם איז געווען אַ גאַס:
גייע צאַל האָט זי געהייסן.
דאָרט איז געשטאַנען מיין זיידנס הויז,
אויסגעמאַליעוועט אין ווייסן.

דער זיידע — באַשאַנקען מיט טעכטער זעקס, —
מיט נדן זיי ניט באַזאָרגט;
פלעגן זיי שטענדיק פון ליבע זינגען,
אַביסל פרייד דערוויל אויסגעבאָרגט.

דער זיידע — משה האָט ער געהייסן:
געווען אַ וואָיענער-שניידער.
פלעגט פאַר נאַטשאַלסטווע מיט גרעסטער מי
אויפנייען זייערע קליידער.

רוסיש האָט ער ווייניק-וואָס באַנומען.
געווען אַ מייסטער אין זיין פאַך.
קונדן פון אַלע זייטן געקומען, —
באַנוצט זיך מיט אַ פינגער-שפּראַך...

פון פאָרנט איז געווען אַ שטוב אַ גרויסע,
געשטאַנען איז דאָרט אַ טיש אַ לאַנגער.
אויף אים מיט אַ ניגון, צעשפּרייט דאָס געוואַנט,
קרייד, און אַלץ מיט אַנאַנדער.

די שער — אַ ריזיק-גרויסע, שאַרפע שער,
זיך אין געוואַנט אַריינגעריסן;
אַ שניט אַהין, אַ שניט אַהער, —
שטיקער סחורה אָפּגעביסן.

גאַנץ אָפט האָט דער זיידע זיך שטאַרק פאַרהוסט,
זיין פנים צונטער־רויט געוואָרן.
אַ דושנער הוסט האָט דעם אָטעם פאַרכאַפּט,
שיעור, שיעור דערשטיקט געוואָרן.

לאַנגזאַם איז ער צום שראַנק צוגעגאַנגען,
אין אַ טיפן חושך פאַרזונקען —
אַ ווייסן פראַשעק אַרויסגענומען,
און מיט וואַסער דאָס פאַרטרונקען.

אַ ווײַלע אויף אַ בענקל זיך צוגעזעצט,
כאַטש דעם אָטעם אָפּצוכאַפּן.
די טעכטער, פון לאַנג שוין צוגעוואוינט
צום אַלטן, שוואַכן טאַטן.

מאַנכע טעג האָט דער הוסט זיך דערבאַרימט,
ניט אויסגעמאַטערט דעם זיידן —
פלעגט ער יום־טוב תפילות אונטערזינגען,
האָט געזונגען זיי מיט פריידן.

די רעשט פון הויז באַשטאַנען איז
פון פיר קליינינקע חדרים.
האָבן דעם זיידנס טעכטער דאָרט געוואוינט
מיט מענער, קינדער — ענג און אָרעם.

צוויי טעכטער, וואָס דאָס מזל האָט זייער
לעבן ניט צו שטאַרק באַלויכטן;
שטייען זיי מידע ביי דעם קוימען,
אַ פאַרשוואַרצטן און פאַררויכטן.

אָן אומגליק געווען דאָרט מיט דעם פייער —
דאָס האָלץ האָט ניט געאײַלט צו ברענען;
געבלאָזן מיט דעם לעצטן אָטעם,
ביז די באַקן פלעגן פלאַמען.

נאָר ווען דאָנערשטיק איז אָנגעקומען,
איז געווען דאַן אַ מחיה:
אַלע זאָרגן כמעט פאַרגעסן,
די געמיטער פונקט ווי נייע.

מיט פאַרשאַרצטע אַרבל טייג געקנאָטן,
געקנאָטן אין דעם מולטער.
אַ צווייטע האָט אָפּגעפליקט אַ הון,
די פעדערן אַזש ביז דעם שולטער.

איינע האָט מייסטעריש געפילט די פיש —
אין וואַסער געצאַפּלט זיך ערשט נעכטן,
חלות און בולקעס נאָר־וואָס פון אויוון,
געשמעקט מיט שבת־טעם אַן עכטן.

פלעצלעך מיט געדיכטן מאָן באַשפּרינקלט,
מיט פאַרברוינטע ציבעלעס באַדעקט.
הויך מיט פרישער פּוטער אָנגעשמירטע,
האָבן שטאַרק דעם אַפּעטיט געוועקט.

און מיך — מען האָט מיך שטענדיק „איינגעווייקט"
געווירצן אַ סך צו שטויסן,
פּוצן שיך, רייבן כריין.
וואָס מיינט איר בין איך אויסן?

פאַרבענקט זיך שטאַרק נאָך יענע יאָרן.
דאָס צו דערציילן שוין לאַנג זיך געקליבן.
האָרעפּאַשנע אידן, וואוילע אידן —
וויפיל איז פון אייך געבליבן?!

***

מיין באָבע — איר געדענק איך קוים.
אַ קליינע, מיר דוכט, געוועזן.
די טיפע עלטער האָט ניט געלאָזט
כמעט גאָרניט פון איר וועזן.

דערגרייכט ביז הונדערט מיט פינף יאָר אַלט —
האָט זי דערציילט מיט ווירדע גרוים:
מיר דאַכט — איך בין דורך איין טיר אַריין
און דורך דער צווייטער שנעל אַרוים.

אויף דערזעלבער גאַס געוועזן אַ פּלומפּ,
אויף אַ בערגל אָנגעהויכטן.
שטיבעלעך קליינע אַרום און אַרום,
אידישע פענצטער דאָרט געלויכטן.

געקומען טרעגער, וואַסער-טרעגער,
אויף די אַקסלען גרויסע וויעדרעס.
עס האָט מער ווי איין מאָל געטראָפן:
שיעור פאַרפאָרן אין די מאָרדעס...

אַנטקעגן — אַ גרויסער הויף געוועזן,
אַ חדר מיט געציילטע קינדער.
מיין גמרא מלמד האָט דאָרט געוואוינט —
און הערט זיך צו צום וואונדער:

דאָרטן האָט מען קינדערם שכל געשליפן,
געלערנט חומש און גמרא.
דער רבי האָט פון דער ווייב געליטן —
און מיר זיינען געווען די כפרה...

איך געדענק: ווי ס׳וואָלט אַצינד פאַסירט:
ס׳איז געווען ערב פסח.
מיר אינגלעך, אַרום אַ לאַנגן טיש,
אַלעם וואָס געשען איז ווייס איך:

דער רבי האָט געשריגן אויף דער ווייב,
און זי — געשריגן נאָך העכער.
און מיר, מיט אָפענע מיילער, געפילט,
צו באַהאַלטן זיך אין לעכער.

די רביצן האָט ניט אויסגעהאַלטן מער:
האָט געכאַפּט אַ שעפּ מיט וואַסער.
דער רבי, נעבעך אַן אויסגעווייקטער,
די גמראָס און מיר — נאָך נאַסער.

דער רבי, אַ שטאַרק־צעמישטער, האָט —
איר מעגט הערן אַ איד אַ בעלן:
האָט שטרענג געגעבן אונז אַ באַפעל —
איר קויש מצות צו באַפאַלן...

אַ פרומער איד; מצה־שמורה געהאַט
אין אַ ווינקל ערגעץ פאַרשלאָסן.
נו, אַז דער רבי הייסט, האָבן מיר גלייך געפאָלגט...
און פון פרישער מצה גענאָסן...

דער אויסגאַנג איז ניט געווען קיין שלעכטער.
ווער ווייסט צו וואָס דאָרטן איז דערגאַנגען:
פון חדר האָט מען אונז גלייך באַפרייט,
און געלערנטע אַהיים געגאַנגען...

***

אויף דערזועלבער גאַס — די נייע צאַל,
געווען דאָרט ברייטע שטיגן.
דורך זיי אַרויף צום גרויסן מאַרק —
מענטשן דאָרטן ווי די פליגן.

שיקסעס ברייטע, מיט רויטע באַקן,
זעלנער, וואָס פלעגן יאָדרעס קנאַקן,
פרוכט, געבעקס, בייגל, אייער —
אַבי מ'האָט נאָר געהאַט דעם צווייער.

***

פרייטיק, אַ שטיק נאָך פאַר ליכט-בענטשן,
פאַררוימט די סחורה, אַוועק די מענטשן,
דער גאַנצער מאַרק איז אָפּגעשלאָסן,
מען איילט אַהיים ווי אונטערגעשאָסן.

נאָך איידער ס'איז געוואָרן פינצטער,
האָבן אידן געאיילט אין שול צו גיין.
דאָרט, אויף וויפיל איך געדענק עס —
מען האָט געפילט דער שכינה'ס זיין.

די שול, אַ גרויסע אומגעהויער,
דער סופית ניט צו דערלאַנגען.
דער באַלעמער אין סאַמע מיטן,
און פון לאַנגע, לאַנגע שטאַנגען,

העגגען אַרונטער לייכטער שיינע,
אויסגעשטעלט מיט גרויסע ליכט.
און פאַרזאַמלטע אידן, ווייבער,
און קינדערלעך אויך גאַנץ געדיכט.

און ווען דער חזן לויבט דעם בורא,
און אַלע זאָגן: „ברוך שמו".
די יונגע קול'עכלעך עס קלינגען —
מיר זאָגן אָמן אויך אַזוי.

שניידט מיין הארץ מיר פאַר אייך אַלע:
כעלם, וואַרשע, צי לובלין;
וואָס איז געוואָרן פון אייך, אידן —
אייערע טעכטער, אייערע זין?!

דער וואַלד

ביי אונז אין דעם שטעטל, אַריבער די לאָנקעס,
געווען איז אַ וואַלד דאָרט אַ שיינער,
וואָס האָט זיך געצויגן פאַר מיילן און מיילן —
זיין גרויסקייט געוואוסט האָט ניט קיינער.

נאָר מיר האָט דער וואַלד גאָר קיין רו ניט געגעבן,
אין שפּאַנונג מיך שטענדיק געהאַלטן.
עס איז אין זיין טונקלען מיסטישן בוזעם
כישוף געלעגן באַהאַלטן.

ניט לייכט איז געווען דעם וואַלד צו דערגרייכן,
וואָס האָט מיך מאַגנעטיש געצויגן.
געיאָגט פון צעיושעטע הינט און פון שקצים —
שטיינער אין מיין ריכטונג געפלויגן.

ענדלעך — אַלע שטרויכלונגען איבערגעקומען.
עס האָט מיך דער וואַלד איינגעשלונגען.
עס שטייען די ביימער שמונה-עשרה׳דיק שטיל:
מיר דאַכט זיך — מלאכים דאָרט זינגען.

שבת האָט דער וואַלד געהאַט אַלע זיבן חנ׳ען:
די יוגנט ווי נייע געבוירן.
בחורים און מיידלעך באַהאַפטן אין פלאַמען,
האָבן זיך אייביקע ליבע געשוואוירן...

האָב איך געוואַנדערט צווישן די סאָסנעס,
וואָס האָבן זיך אַלע אומאַרעמט,
און שטאָלצע די קעפּ צום הימל פאַרריסן,
וואו זון האָט געגלעט און געוואַרעמט.

נאָר האָט זיך דער ווינט מיט די ביימער צעוואָרטלט,
מיט שטורעם די קעפּ זיי צעפּאַטלט,
דאַן האָבן די ביימער מיט וואַלדיקער אחדות,
מיט הילכיקן רעש אים געטאַדלט.

דער וואַלד איז ווי שטענדיק געבליבן דער זיגער.
דער ווינט האָט זיך ווייט אָפּגעטראָגן.
די זון־פּאַסמעס שפּיזן דורך צווייגן געדיכטע
אין סודות׳דיק שטילע פאַרטאָגן.

צענדליקער יאָרן צעטיילט האָט אונזביידן,
דאָך האָף איך צו דיר נאָך צו קומען.
פילייכט וועל איך דאָרט אין דיין מיסטישן בוזעם
מיין פאַרגאַנגענע יוגנט געפינען.

דעם זיידנס זייגער

נאָך אַ לאַנגן טאָג אַ מידן,
געפֿונען האָב איך רו אין בעט.
קוקט מיך טרויעריק אָן מיין זייגער—
ניט ער זאָגט וואָס, ניט ער רעדט.

אמת, ער האַלט פֿאַר מיר דעם חשבון,
שטעלט מיר ריכטיק צו די צייט.
באַזאָרגט מיט אייביקער חיונה
פֿון עלעקטריק— שווייגט ער, שווייגט.

בענק איך נאָך דעם זיידנס זייגער,
וואָס געהאַנגען אויף דער וואַנט;
ניט געשוויגן ווי אַ פּגר—
זאָלן די רייד ניט זיין צו שאַנד.

געהאַנגען אויף דער וואַנט אַ שטאָלצער,
נעבן זיידנס הויכן בעט,
און די קוקאַווקע האָט פֿריילעך
זיך יעדע האַלבע שעה צערעדט.

און דער אומרו, וואָס אין מיטן,
צווישןביידע וואָגן־שווער—
אָט־דער מעשענער סמבטיון
כסדר האָט געפּלוידערט ער.

עס טרעפֿט אַמאָל—עס זאָל ניט טרעפֿן:
אַ מענטש איז ניט צו אויפגעלייגט—
טאָ, וואָס־זשע העלפֿט אַ שטומער זייגער,
וואָס קוקט דיך סמוטנע אָן און שווייגט?!...

בענק איך נאָך דעם זיידנס זייגער,
נאָך דעם לאַנגן, וויטן ווייט;
איך בענק נאָך יענע יונגע יאָרן—
די פֿריילעך־אויסגעקלאַפּטע צייט...

װ אַ ר ש ע

מײַן שײנע אידישע שטאָט װאַרשע.
שױן לאַנגע, לאַנגע יאָרן
ביסטו אײנגעקריצט אין מײַן זכרון.
אױף דײַנע בולװאַרן, אױף דײַנע גאַסן,
האָבן שטענדיק געשטראָמט מענטשן־מאַסן,
אין גרױס־האַנדל פֿאַרנומען;
סוחרים פֿון װײַטע לענדער געקומען.

שײנע אידישע טעכטער,
פֿאַרפּוצט אין פּאַריזער מאָדע,
האָבן שבת נאָך דעם קוגל,
שפּאַצירט מיט גרױס װיגאָדע.
דײַנע גרױסע שײנע הױפֿן:
יעדער הױף — אַ שטאָט אַלײן.
זײַנען אידן געקומען פֿאַרקױפֿן,
װאָס נאָר האָסט געװאָלט אַלײן.

עפּל, באַרן, רױטע קאַרשן,
װײַנפּערלעך און אַגרעס גרין,
יענגאַלקעס, פֿלױמען — טעם גן־עדן,
פֿרוכטן פֿון אַ יעדן מין.

הײַנט, װען פֿרײַטיק איז געקומען:
יעדע פֿרױ אין קיך פֿאַרנומען.
קלינגט דער מערזשער קלינג און קלאַנג —
יעדער שטױס איז אַ געזאַנג...

און דאָס פיש-ברעט לאָזט זיך הערן
דאָ און דאָרטן אָן אויפהערן.
איבער גליענדיקע פלאַמען
שטייען גרויסע קופער-פאַנען.
עס קאָכט און זידט מיט אַ געררודער,
די ריחות צעגייען אין אַלע גלידער.
אַלעם פאַרעט, אַלעם זידט,
קיינער, דוכט מיר, ווערט ניט מיד.

און ווען עס פאַלט די זון שוין נידריק,
איז צו דערציילן, דוכט זיך, איבריק:
מען לויפט צום בעקער פון אַלע עקן,
דעם טשאָלנט דאָרטן צו פאַרשטעקן.

חסידים איילן זיך אין מקווה,
דאָרטן זיך צו אונטערטוקן.
און אויף גענשע און אויף דזשיקע,
נאַלעווקעס און פראַנטשישקאַרנע —
אויף די אַלע, אַלע גאַסן
איילן אידן אין די מאַסן
צו פאַרמאַכן די געשעפטן,
און מיט שבת זיך באַהעפטן.

אויסגעפוצט און אויסגעצוואָגן
איז די מאַמע מיט דער טאָכטער.
דער טאַטע קומט אַהיים פון מרחץ
אָן אָפּגעפרישטער, אָן אויפגעלייגטער,
און נעמט מיך פאַר דעם הענטל קליין —
מיר איילן זיך אין שול צו גיין.

אַ גוט שבת, אַ גוט שבת,
זאָגט דער טאַטע צו דער מאַמען.
און עס לויכט מיין מאַמעס פּנים
אין דעם העלן ליכט פון פלאַמען.

און דער טאַטע ווי אַ קעניג
זעצט זיך ביי דעם טיש צוזאַמען
מיט די זין און מיט די טעכטער,
און מיט דער קעניגין, דער מאַמען.
זינגט דער טאַטע אויס דעם קידוש
מיט אַ פרייד אין זיינע אויגן.
און די מאַמע טיילט אויס פיש,
פאַרפוצט מיט מערן און מיט רויגן.

און עס זינגט דער טאַטע זמירות
אַ צופרידענער, געלייכטערט,
באהאַפטן איז מיט שבת-קודש
נשמה-יתרה׳דיק באַרייכערט.
אָט אַזוי געדענק איך וואַרשע:
וועסט אייביק בלייבן אין מיין זכרון.

ווילט זיך צוגיין צו אַן אָרון-קודש
און פאַרגיסן הייסע טרערן.
בין איך אָבער שטאַרק אין צווייפל,
צי עמיצער וועט מיך דערהערן.

ניטאָ דער אָרון, אויס דער קודש!
אַ נישטיק הייפל בלויז געבליבן
פון די אַלע, אַלע אידן,
פון די מאַמעס מיט די טעכטער—
וואו ביסטו געוועזן, גאָט גערעכטער?!!!

מ צ ו ת

ווען דער שטורעם האָט נאָך געהוליעט אויף די גאַסן,
נאָך אַ לאַנגן, קאַלטן ווינטער אַ נאַסן,
האָט שוין דער אַלטער בעקער יאָסל פּראַגער,
נאָך דעם לעצטן גרילץ פון דעם המן־גראַגער,
געשטעלט זיך באַקן מצות אויף פּסח.

שטייען אין דער פּיעקאַרניע לאַנגע טישן,
אידן מיט בערד און מיידלעך צווישן,
אַרבל פאַרקאַשערט, מיט געזאַנג און מיט פרייד
מען קנעט און מען וועלגערט, מיט רעדלעך מען דרייט.
עס בליצן די אויגן, אַ ליכטיקייט העלט,
עס שמעקט שוין מיט פּסח אין בעקער־געצעלט.

מיר, אינגלעך, מיר ליגן אין דרייען געבויגן.
די מצות — מיר פרעסן זיי אויף מיט די אויגן.
דער גערוך פון די מצות, אָט נאָר־וואָס פון אויוון,
האָט אונז, קליינע חברה, קיין רו ניט געגעבן.
געחלומט — דער פּסח זאָל וואָס שנעלער קומען;
דערווייל איז די סלינע פון מויל אונז גערונען.

נאָר איינער אַ יאָטל, מיטן דאַשעק אין אַ זייט —
פאַר אים איז דער פּסח געלעגן צו ווייט:
צו וואָס זאָל ער וואַרטן גאַנצע פיר וואָכן? —
ער קען ברענגען דעם פּסח אָט־באַלד — אינדערוואָכן.
דאָס פלעכטל פון נעזל אַליץ טיפער גערונען;
עס זוכט שוין דאָס יאָטל אַ שטיק מצה באַקומען.

אין מיטן פיעקאַרניע, ניט ווייט פון די טישן,
איז געשטאַנען אַ ווייבל מיט אַ שמייכל אַ פרישן.
פון דריי זעקלעך מעל די מצות אויסגעבאַקן,
וואַקסט זי פון נחת און ס׳פלאַמען אירע באַקן.

די מצות אין קויש וואַקסן העכער און העכער,
נאָר פלוצלונג, אָט פונקט ווי אַ מויז פון די לעכער,
וואַקסט אויס דאָס יאַטל — אַ שטיק ברויט אין דער האַנט,
קייענדיק רוקט זיך אַלץ נעענטער צום ראַנד.
כאַפּט אַ שטיק מצה, די אויגן, זיי שטראַלן,
אָבער אין קויש פון די מצות איז זיין לחמא געפאַלן.

אַ קוויטש, וואָס מיר דאַכט, האָט געשפּאָלטן דעם הימל,
האָט אָפּגעשטעלט די אַרבעט, דאָס געוועלגער, דעם טומל.
די אידן און די מיידלעך מיט די מיילער אָפן,
פונקט ווי עס וואָלט זיי אַ דונער געטראָפן.

די פרוי, וואָס איז פריער אין גליק אומגעשוואומען,
זיך געריסן די האָר, שיעור דאָס לעבן גענומען.
דאָס יאַטל פון שרעק איז וואָס גיכער אַנטלאָפן.
עס האָט זיך די מעשה אין וואַרשע געטראָפן.

אַ שטערן

איך בין אַ קינד געווען נאָך דאַן,
אינגאַנצן גרוים ווי אַ שפּאַן.
געדענק איך אַ שבת פאַרנאַכט:
אין דרויסן — ווינטערדיקער פּראַכט.
די דעכער באַשאָטן מיט שניי;
אין שטוב — סילועטן צוויי.

דער טאַטע איבער אַ ספר געבויגן,
די מאַמע מיט זוכנדע אויגן
איז ביי דעם פענצטער געזעסן,
אין דער ווייט זיך איינגעגעסן.

די זון ז'לאַנג שוין געווען פאַרגאַנגען.
אין שטוב איז אַ שטילקייט געהאַנגען.
איך טוליע זיך איין אין דער מאַמען.
איך האָב נאָך דאַן ניט פאַרשטאַנען,
אַז מען טאָר קיין ליכט ניט ברענגען,
ביז אַ שטערן וועט אין הימל הענגען.

ב אָ ב ע ס

ווען איך בין אַלט געווען פינף יאָר
געגאַנגען בין איך אין חדר.
פלעגט מיין מאַמע יעדן טאָג
מיר מיטגעבן כסדר —
אַ גראָשן.

קויף, מיין קינד דיר, וואָס דו ווילסט:
טשאָקאָלאַד, צוקערקעס...
קאָנסט עס קריגן אין דעם מאַרק,
ביי חנה־לאה בערקעס.

גיי איך מיט געאיילטע טריט,
מיין קאָפּ ביי חנה־לאָה׳ן.
יאָגט מיך אָן אַ קליינער יאַט —
שפּאַנען מיר אין צווייען.

אין מאַרק האָב איך פאַרבלאָנדזשעט גאָר
צו דער אַלטער שרה־דאָבעס.
מיין האַרץ איז אויסגעגאַנגען שיעור
נאָך אירע אַרבעסלעך און באָבעס.

זי פלעגט זיצן אין די גרעסטע פרעסט
האַנט־אין־האַנט געאַרמט:
פון אונטן אַ הייסער פייער־טאָפּ —
די נשמה דאָרט געוואַרעמט.

איך האָב איר זייער ליב געהאַט —
די אַלטע שרה דאָבעס;
געגעבן מיר אַ גוטע מאָס —
און נאָך צוגעלייגט צוויי באָבעס...

ביי אַ שרייבער-אָוונט

ביי אַ שרייבער-אָוונט

ס'איז דער זאַל געפּאַקט מיט מענטשן,
כאָטש נעם און שפּאַר די ווענט אַרויס;
שלעפּט מען שטולן, בענקלעך און
מען שטעלט זיי אויף דער בינע אויס.

מענער, פרויען אויף די בענקלעך —
און דער רעדנער שטייט און רעדט.
צו איינער נעבעך פון די פרויען,
האָט אַ וואונק געטאָן אַ בעט...

די אויגן לאָזן זיך ניט בעטן
לאַנג, און מאַכן גלייך זיך צו.
נאָר הפּנים — אינערלעך עס
גיט איר עפּעס ניט קיין רו.

צווישן וואך און שלאָף צעריסן,
זיצט זי נעבעך — ניט דאָ געדאַכט,
מיט אַ פּנים, וואָס מען ווייסט ניט,
צי עס וויינט, צי גאָר עס לאַכט.

זאָגט דער רעדנער עפּעס קאָמיש,
און עס לאַכט דער עולם הויך,
עפענען זיך האַלב די אויגן
און — נאָך שלאָפנדיק — לאַכט אויך...

אַ טענה צום קרומען*

הער נאַר, דו קרומער:
איך בין ניט קיין שטומער.
וויל איך דיר זאָגן אַ וואָרט:
וואָס זאָל דאָס באַדייטן,
וואָס דו ביסט פון ווייטן
און שענקסט ניט אַ שטיקעלע אָרט?

איך שיק דיר לידער
אַלץ ווידער און ווידער —
און פונקט ווי אין וואַסער אַריין.
דו מיינסט מיר צו זאָגן —
זיי טויגן אויף קלאָגן,
און וואַרפסט זיי אין קערבל אַריין?!

---

* רעדאַקטאָר פון „קרומען שפיגל".

די לבנה

אין מזרח געבוירן,
אין מערב פאַרלוירן.
טאָלן אירע אויגן,
אַ באַרג איז איר נאָז.
רונד ווי אַ טעלער,
בלאָס איר געזיכט.
פון אייביק באַזונגען
אין ליד, אין געדיכט.

איר בליק ביי פאַרליבטע
רופט בענקשאַפט אַרויס.
הערט אויס זייערע סודות —
זאָגט קיינעם ניט אויס.

נאָר ווען אָט-די סודות
פאַרקריכן צו ווייט,
פאַרשטעלט זי איר פנים
מיט וואָלקנס — און שווייגט...

מ אָ ד ע

מאָדע —
איז זעלטן אַ וויגאָדע.
אַ דריי אַהין,
אַ דריי אַהער,
אַמאָל אַ הילף,
אַמאָל אַ שטער.
אַמאָל גלייך,
אַמאָל קרום, —
נאָכגעפאָלגט
פון אַ סטאַדע שטום.

פ ע ס י מ י ז ם

דער נעכטן איז שוין לאַנג פאַרלוירן,
דער מאָרגן איז נאָך ניט געבוירן.
און דער היינט גיט ניט קיין רו,
ווייל ס'זאָגט דער מאָרגן גאָרניט צו.

אין מיין יוגנט

אין מיין יוגנט פלעג איך עסן
מיט אַ גרויסן אַפּעטיט.
ס'האָט מיך קיינמאָל ניט געקימערט,
צי עס טויג פאַר מיר, צי ניט.

האָט מיין מאַמע זיך געוואונדערט
און געמיינט, אַז ווי און אָך:
ס'איז ניט אַנדערש — אין דער קישקע
מוז ביי אים דאָרט זיין אַ לאָך.

היינט קען איך קיין סך ניט עסן.
כ'האָב קיין ברעקל אַפּעטיט.
די וויסנשאַפט האָט מיר דערעסן
מיט וואָס איז גוט און וואָס איז ניט.

לייען איך, אַז אַ גרויסער דאָקטאָר זאָגט,
אַז פלייש מאַכט שטאַרק, געזונט;
זאָגט אַ צווייטער — אויך אַ דאָקטאָר,
אַז פלייש איז בלויז געמאַכט פאַר הינט.

פון קאַרטאָפל זאָלסטו וויכן,
מילך איז אויך ניט ראַטזאַם זייער.
ווילסטו שטאַרקע קרעפטן קריגן —
אייער־שאָלן עס וואָס מער...

גיט מיר בעסער צוריק מיין יוגנט:
כ'וועל עסן יעדן טאָג אין וואָך
אַלץ, וואָס גאָט האָט נאָר באַשאַפן
און זיך ניט זאָרגן וועגן נאָך...

ג ע ל ט

איך בין געשטאַנען אויף דער גאַס,
ניט ווייט פון אַ קראָם.
איינגעריכטעט אויף דער וואַנט
איז געווען אַ טעלעפאָן.

פאָרט אָן אַ מיידעלע,
אַ יאָר זיבן אָדער אַכט —
אַ „בייסיקל" האָט איר אַהער געבראַכט.

זי וואַרפט אויף מיר פון וויטן אַ בליק,
גיט עפּעס אַ שפּאַן צוריק.
זעצט זיך אויפן „בייסיקל" אַרויף
און אַנטלויפט.

פאָלג איך איר נאָך מיט די בליקן
און קאָן ניט פאַרשטיין,
וואָס איז געווען איר מיין.

ס'האָט ניט לאַנג געדויערט,
זי איז צוריקגעקומען,
מיט עפּעס אַ געדאַנק פאַרנומען,
און אויף מיר געוואָרפן
אַ בליק אַ שטומען...

קריכט אַראָפּ פון „בייסיקל",
נעענטערט צום טעלעפאָן
און שטעלט זיך אויף די שפּיץ פינגער...

טראַכט איך: אַ קינד אַזוי קליין —
ווי קאָן דאָס פּאַסירן
מען זאָל אַזאַ פּיצל קינד שיקן
טעלעפאָנירן.

זי ציט אַרונטער דאָס שאַכטעלע,
וואָס האַלט דאָס געלט געפאַנגען
פאַר טעלעפאָן-רופן,
וואָס זיינען ניט דערגאַנגען...

איר גלויבט זיך ניט דער דורפאַל.
ציט זיך אויס נאָך לענגער,
זוכט אין אַלע ווינקלען,
נישטערט מיט די פינגער...

איר בליק מיט מיינעם
האָבן זיך מער ניט געטראָפן...
אַרויף אויפן „ביסיקל"
און שנעל אַהיים געלאָפן.

גייט אַ אינגעלע

גייט אַ אינגעלע אויף דער גאַס —
אפשר אַ יאָר דריי.
און עס קימערט אים ווייניק־וואָס,
ווער עס גייט פאַרביי.

טרעט ער מיט די פיסעלעך,
ניט זיכער נאָך זיין גאַנג;
און מיטאַמאָל ער שטעלט זיך אָפּ,
שטעלט אָפּ דעם קינדער־גאַנג.

געפאַנגען עפּעס האָט זיין בליק
אויף דעם טראָטואַר.
שטייט ער שטיל און קוקט און קוקט
מיט די אייגעלעך שטאַר.

ער וואַרט ניט לאַנג און בויגט זיך איין
אויפהויבן די מטבע.
ער גלייכט זיך אויס, ווישט אָפּ די האַנט —
געמיינט — אַ מינץ אַ נייע.

ער וואַקלט זיך אַוועק פון אָרט.
אוי, געוואַלד געשריגן!
געמיינט אַ זילבער־מינץ ליגט דאָרט —
דאָס האָט עמיץ אויסגעשפיגן...

ה ו נ ג ע ר

די ערד אין מיין גאָרטן, פון רעגן צעווייקטע,
פון זון דורכגעבאַקן, איז פּוכקע און ווייך.
די לאָפּעטע קריכט אין דער טיף אַ דערפרייטע,
דער גערוך פון דער ערד דערגרייכט צו מיר גלייך.

עס פּויזן די שלאַנגען, פון פינצטער געקומען.
צי האָבן דען זיי נאָך אַ זון־שטראַל געגאַרט?
צו ליכטיק די וועלט, וואָס זיי האָבן געפונען.—
דאָס האָט זיי דער רידל הפנים פאַרנאַרט.

ס'פאַרלירן קיין צייט ניט די פויגלען און פאַנגען
די ווערים, און פליען צופרידן אַוועק.
זיי פּילן די נעסטן מיט פייגל־געזאַנגען.
ס'זיגזאַגן די שלאַנגען אין דער ערד מיט שרעק.

אַ קאַץ האָט פון ווייטן דערזען די פייגל,—
האָט זיך דערנענטערט, מיט רוקן גענידערט.
אַ לוסט זיך באַוויזן אין קעצישן אייגל;
דער עק האָט פון איין זייט צום צווייטן גערודערט...

זי שאַרט זיך אַלץ נעענטער מיט אָטעם באַהאַלטן,
זי נעמט ניט אַראָפּ פון איר קרבן דעם בליק;
ווען זי קען מער ניט דעם הונגער אויסהאַלטן,—
זי טוט דאַן אַ שפּרונג, ווי פון טייוול געשיקט.

דערשראָקענע פליען די פייגל צו ביימער,
אַ ווינטיקער פאָכען פון פליגל זיך הערט.
געבליבן די קאַץ מיט אַ ליידיקן חומר —
אַ זעלטענע סעודה געוואָרן פאַרשטערט.

צ י י ט

די צייט קען מאַכע צרות היילן —
אַזוי דערציילט מען מיר.
צייט מוז שטענדיק לויפן, איילן;
צייט איז אָן אַ שיעור.

צייט איז אייביק, צייט איז ווייט,
צייט האָט קיינמאָל ניט קיין צייט.
אַמאָל אַ הילף, אַמאָל אַ שטער,
אַמאָל איז צייט אַ גוט געווער...

אַמאָל פאַרשפּעטיקט זיך די צייט,
בלייבסטו שטעקן אין דער ווייט.
צייט אַהין, צייט אַהער —
איך האָב קיין צייט צו טראַכטן מער.

טויבן

דער גערטנער האָט אָנגעפּויעט
ביימער און גרינע גראָזן.
טויבן דערבײַ — אָנגעבלאָזן —
האָבן זיך פֿאַרזאַמלט
אַרום וואַסער־ריטשקעס,
זיך געדזשאָבעט מיט די פּיסקעס,—
עפּעס גאָרניט ווי טויבן.

און איינע — הפּנים שטאַרקער פֿון אַלע,
און אפשר מיט חוצפּה מער,
האָט די איבעריקע טויבן
ניט געלאָזט געבן זיך אַ קער.

זיך געפּליושקעט אין וואַסער —
אַ מין פּרימאָרגן־וואַנע;
און די איבעריקע — שטאַרק מקנא,
האָבן מורא געהאַט זיך צוצורירן,
ניט געוואָלט מיט איר אַ מלחמה פֿאַרפֿירן...

געשטאַנען פֿון ווייטן,
און זיך געשעמט פֿאַר לייטן.

מעוועס

פליען מעוועס איבער ימים,
פליען ווייט אַוועק.
ריטמיש פליען זיי צוזאַמען.
וואָס איז זייער צוועק?

וואָס זוכן זיי אין טיפן וואַסער?
וואָס איז זייער באַגער?
מעגלעך פאַר דעם שיפן־אָפּפאַל
געקומען אַזש אַהער.

אָט רייסט זיך איינע אָפּ פון אַלע
און צו די כוואַליעס טיפט;
האַלט איר רויב צווישן ציינער
און די סלינע טריפט.

אָט אַזוי טאָג־איין טאָג־אויס,
פאָלגן נאָך די שיפן.
זיי שטילן זייער הונגער גרויס,
פון דעם ים דעם טיפן.

אין אַ גאָרטן

האָט לאַם אַנדזשעלעס אַ גאָרטן,
געפינט ער זיך אין מיטן שטאָט;
האָט ער שיינע רייכעביימער
און אויך לאַנגע בענק ער האָט.

זיצן מענטשן דאָרטן שטענדיק,
מענטשן אַלטע אונבאַשריגן;
האָט די וועלט זיי שטאַרק געקריוודעט,
האָט זיי לאַנג שוין אויסגעשפּיגן.

מאַנכע פּנימער צעקנייטשטע,
מאַנכע פרישע נאָך און יונג.
די מערסטע האָט דאָס לעבן זיי
שוין לאַנג אַרויסגעשטעקט אַ צונג.

מאַנכע זיצן שטילע, שטומע,
זייערע בליקן גרייכן ווייט.
ניט זיי קימערט דער געפּילדער,
ניט זיי הערן ווי מען שרייט.

און עם איילן אָטאָבוסן,
אַ מענטשן-שטראָם אַהין און צוריק.
דאָס לעבן האָט זיי לאַנג דערעסן,
טויטער גליווער אין זייער בליק.

וואָס איז שיין?

וואָס איז שיין?

שיין איז אַלעס, וואָס איז שיין,
שיין קאָן זיין אַ שיינער בוים.
שיין איז אויך אַ זיסער טרוים.
ס'זיינען שיין די גראָזן גרין,
שיין דאָס זשומען פון אַ בין.
שיין איז אַ געדיכטער וואַלד,
שיין דער שטורעם ווען ער שאַלט.
שיין דאָס לאַשטשען פון אַ ווינט,
שיין דער שמייכל פון אַ קינד.
שיין דאָס אויפשטיין פון דעם מאָרגן,
די נאַכט פאַרחלומט און פאַרבאָרגן.
שיין די שטערן אין דעם הימל,
שיין אַ פעלד אין טיפן דרימל.
פראַכטפול שיין עס איז די רויז,
שיין איז פרידן אין אַ הויז.
שיין איז אויך אַ בלומען-קוסט,
שיין און צאַרט אַ פרויען-ברוסט,
שיין די כוואַליעס אין דעם ים,
שיין די ליבע פייער-פלאַם,
שיין איז אַ געוויסן ריין,
שיין איז אַלעס וואָס איז שיין.

ליגט דער מדבר

ליגט דער מדבר אויסגעצויגן,
ליגט אין טיפן שלאָף פאַרזונקען;
חלומט ער אַ זיסן חלום,
פרישע קוואַלן אויסצוטרינקען.

וואַכן שטילע בערג אַרום אים,
מיט חן גריבעלעך באַדעקטע.
שפילן זיך אויף זיי געמיטלעך
וואָלקנס פוילע, זון באַפלעקטע.

ליגן אין זיינע אינגעווייידן
גרויסע אוצרות דאָרט באַהאַלטן.
אַלעם וואָס מען דאַרף — איז וואַסער,
הענט, און שכל צום פאַרוואַלטן...

זיי געגריסט, הגנה!

אין מיין שטילן געצעלט אויפן מדבר,
בין איך געווען איינער אליין,
ווען די ראַדיאָ האָט די נייעס צעטראָגן,
אַז די מאַנדאַטן־מאַכט הערט אויף צו זיין.

האָט אין האַרצן אַ פלאַם זיך געצונדן,
מיין הויט איז געוואָרן געגרונצלט.
צי דאָס וואָס איך הער איז אַן אמת,
צי עפּעס אַ דריידל געקינצלט?

געפילט ווי די וועלט צו אומאַרמען,
ניט געקענט גיין מיט עמיצן אין טאַנץ;
האָבן ליפּן געמורמלט אַ תפילה,
אין די אויגן האָבן טרערן געגלאַנצט.

הייסע טרערן פון גרויסן נצחון,
מיט רעכט, וואָס מיר האָבן געוואונען;
טרערן פאַר די, וואָס געפאַלן,
פאַר יענע, וואָס וועלן נאָך קומען.

זייט געגריסט, איר הייליקע קעמפער,
אייער מוט האָט איר קיינמאָל פאַרלוירן.
אייביק וועט שיינען אייער העלדישער קאַמף —
און דאָס לאַנד, וואָס דורך אייך איז געבוירן.

פאַרבײַגײענדיק

(תל אביב — 1963)

טעפּיכער קלאַפּט מען אויף אַלע באַלקאָנען,
מען טראָגט שווערע פּעקלעך, וואַסער אין סיפאָנען.
„בבקשה" הערט מען אויף שריט און אויף טריט:
דאָס לעבן אָטעמט טיף — אַ שטענדיקער יאַריד.

דאָ אײַלן אָטאָבוסן, מאַשינען, ציקליסטן,
זיי טרײַבן דורך די גאַסן אָן רחמנות.
איך וויל אַריבערגיין אויף דער צווייטער זייט גאַס —
איך נעם מײַן לעבן אין האַנט, בנאמנות.

אויף טראָטואַרן, ברייטער ווי די גאַסן,
טרינקט מען טיי, קאַווע, פאַרשידענע קוואַסן.
יוגנט שטראָמט שטיפעריש אַהין און צוריק,
פון פאַרשידענע ווינקלען פליסט אידישע מוזיק.

די טענער זײַנען האַרציקע, אָריענטאַליש פאַרבענקטע.
דאָס זינגט מען פאַר אידן, וועמעס לעבנס זײַנען געשענקטע.
דאָ בויט זיך אַ לעבן אויף מוט און אויף גבורה;
דאָ וועט מען קיינמאָל ניט מאַכן מיטן שונא קיין פּשרה.

עס טאָגט

נאָך איינגעהילט די נאַכט אין שלאָף,
ס׳ליגט אַלץ אין טיפן דרימל.
נאָר ביי דעם ווייטן מזרח־ראַנד
עס בלייכט זיך שוין דער הימל.

וואו־ניט־וואו אַ פענצטער העלט,
אַ ליכט איז אָנגעצונדן.
דאָרט האָט זיך פרי דער טאָג געשטעלט —
פאַר פרייד? — צי גאָר פאַר וואונדן...

האַלב־פאַרשלאָפן קרייעט אַ האָן,
אַ הוסט קלינגט אָפּ פון ווייטן.
אַ וואָלקן־פּאַס מיט גאָלד געזוימט,
אויפן מזרח נעמט זיך שפּרייטן.

דער ים, וואָס איז ניט ווייט דערביי,
מיט נעפּל איז פאַרצויגן.
דרימלט ווי אַ ריז פון בליי,
זיין קראַפט ווי אויסגעזויגן.

עס טשוכען הייזער אויך זיך אויס,
אין פענצטער קילט אַ ווינטל.
דער טאָג שוין אויסגעוואַקסן גרויס;
און ערגעץ בילט אַ הינטל.

די זון פון פוטערפאַס אַרויס,
שלייכט זיך העכער, העכער;
שמייכלט אַזוי ברייטלעך, גרויס,
באַגילדט די בערג און דעכער.

עס האָט אַ נייער טאָג דערוואַכט
אַזוי רואיק און באַשיידן.
אַלעם — שיינט מיר — זינגט און לאַכט,
איינגעהילט אין פריידן.

פרילינג איז געקומען

פרילינג ווידער איז געקומען,
פראָסט און ווינטן צוגענומען,
ביימער אויסגעפוצט מיט צוויטן —
ווייס ווי שניי און רויטע בליטן.

זיינען בינען דאָרט פאַרנומען
מיט חיונה — און זיי זשומען;
פליען זיי פון בוים צו בוים,
קיין איין מינוט עס שטייט ניט שטום.

פליט פאַרביי אַ זומער־פויגל
מיט דעם לייכטסטן פליגל־פלאַטער, —
און אויף זיינע סאַמעט־פליגל
די הערלעכסטע קאָלירן האָט ער.

אויף געזימס, אין טיפע שפּאַלטן
האָבן פייגעלעך באַהאַלטן
שטיקלעך ברעקלעך, האָלץ און צווייגל —
אויפגעבויט אַ נעסט, אַ שטייגל.

קומען אַלע ווייל צופליען,
אָנצוהאָדעווען די קינדער.
אָט אַזוי טאָג־איין טאָג־אויס,
אין דעם שיינעם פרילינגס־וואונדער.

***

אין אַטאָמישע נייע צייטן,
ווען שנאָה האַלט זיך אין פאַרשפּרייטן;
יעדער מענטש — אַ מלאך אַן עכטער...
יעדעס פאָלק ביי זיך אַ גערעכטער;
האָב איך מוראָ — מיין ליד וועט קלינגען,
ווי צווישן אַבלים — אַ געלעכטער.

פאַרטאָג

ס'שלאָפן די בערג אין טיפן דרימל,
שטילער צויבער — דער אַרום.
אין מזרח שיילט זיך אויס דער הימל,
ביימער, סלופּעס שטייען שטום.

פאַרוואונדערט שטיי איך פונדערווייטן
און באַטראַכט דעם שטילן חלום:
פאַרוויטלט שטילע וואָלקנס שפּרייטן
סיי אין צפון, סיי אין דרום.

דער הימל ליכטיקט העלער, העלער.
איך בין צוגעשמידט צום פענצטער.
צונטער-רויט דער פייער-טעלער —
און ס'פאַרשווינדן נאַכט-געשפּענסטער.

שטייגט די זון אַליץ העכער, העכער —
אַן אויפגעלעבטער טאָג א נייער.
שימערן באַגילדטע דעכער —
און דאָס לעבן ווערט מיר טייער.

גיי איך לאַנגזאַם אַוועק פון פענצטער;
אין הויז נאָך שלאָפט די נאַכט אַ שטילע.
מיר דוכט: מיין היינט וועט זיין דער שענסטער —
און ס'מורמלען מיינע ליפּן אַ תפילה...

אַ צימער ריין

אַ צימער ריין

אַ צימער ריין,
אַ זונען-שטראַל,
אַ פרויען-הויך
איבעראַל.
אַ קינדס אַ שטים,
אַ הענטל ווייך,
אַ קוש, וואָס מאַכט
דאָס לעבן רייך.
אַ טיש געדעקט
מיט טאַקט און פליים;
מאכלים גוט,
אַ טישטוך ווייס.
אַ גאָרטן פול
מיט בלומען פיל;
אַ קינד פאַרטאָן
אין קינדער-שפּיל.
אַ שטול, אַ לאָמפּ,
אַ בוך, גאַזעט;
פאַרוויגט פון ווייכן
פרויען-גלעט.

קינדער

מיר דוכט זיך: פון אַלץ וואָס גאָט האָט באַשאַפן—
דער שענסטער באַשאַף איז אַ קינד.
איך פאָלג נאָך מיט דורשט זייער יעדע באַוועגונג,
ווען צאַרט נאָך און ריין איז פון זינד.

קוק איך זיי טיף אין די אויגן אַריין.
אַ וואַרעמקייט נעמט מיך אַרום.
אויגן ניט־דרייסטע, בליקן פאַרשעמט;
מלאכים פליען דאָרטן אַרום.

פרעג איך אַ קינד, וואָס ס'זאָל ניט זיין—
קוקט עס מיך אָן ווי פאַרלוירן.
ענטפערט ניט; אין מויל שטעקט אַ פינגער אַריין,
און איך בלייב מיט אָפענע אויערן...

פרעג איך אַ מיידעלע, מיט לאָקן ווי גאָלד,
אויגן, צוויי ליכטיקע שטערן—
פאַנגט אָן צו ריידן, פלאַפּלט און רעדט,
פאַרגעסט גאָר ווען ס'איז אויפצוהערן...

סיי קינדיש־פאַרלוירן, מיט פינגער אין מויל,
צי גאָר ווען עס פלאַפּלט געשווינד,—
דאָס שענסטע, מיר דוכט, וואָס גאָט האָט באַשאַפן,
ז'פאַרקערפּערט געוואָרן אין קינד.

שטימונג

שוועבן גרויסע שוואַרצע וואָלקנס
און פאַרדעקן זונענשיין.
אַלעם איז מיט בלייַ פאַרגאָסן,—
איך פיל זיך אויף דער וועלט אַליין.

ליגט מיין מוזע אַ דערשטיקטע,
רירט מיין פען זיך ניט פון אָרט;
איז די שטימונג אַ דערדריקטע,
שווער צו פלעכטן וואָרט מיט וואָרט.

דורך טויזנטער יאָרן

(מלחמה־בילד)

דורך טויזנטער יאָרן
עס איז די לבנה
מיט איידעלע טענער
באַזונגען געוואָרן.

די שטראַלן דאָך קאַלטע
האָט שטענדיק געצונדן
די שענסטע געפילן
ביי יונגע און אַלטע.

איצט נוצט מען די שטראַלן
אין שפּאַן פון מלחמה:
צו ווייזן פּילאָטן מיט אַלע דעטאַלן
די הייזער און בריקן,
די שפּייכלער, פאַבריקן,
וואו ס'ליגן באַהאַלטן
מיט שרעק אין די בליקן
סיי יונגע, סיי אַלטע,
סיי אָרעם, סיי רייכע;
די שרעק פאַר די באָמבעס
געמאַכט האָט זיי גלייכע...

איך פאַרשטיי איצט דיין שמייכל,
דו, זילבער־פּרינצעסין...
ווי צו פירן דאָס וועלטל
מיר האָבן פאַרגעסן.

די באַן

(אין שפּיטאָל)

די באַן איז אָפּגעפאָרן שטרעקעס
לאַנגע, איבער פעלד און באַרג,
האָט געסאָפּעט איבער הויכן
און האָט קיין פּאַרע ניט געקאַרגט.

פון דעם לאַנגן וועג פאַרמאַטערט,
אויף אַ סטאַנציע שטייט און רוט;
אַ מעכאַניק מיט אַ האַמער
קלאַפּט און האָרכט, צי אַלץ איז גוט...

דעם קעסל פילט מען אָן מיט וואַסער,
מיט בוימל שמירט מען אוים די גלידער;
אין דעם אויוון וואַרפט מען קוילן —
פאָר אַ נייער יאַזדע ווידער...

ס'האָט אַ בלעטל פון מיין לעבן
זיך פלוצלונג שנעל איבערגעמישט:
אויף דער אַנדער זייט פון בלעטל
איך האָב אַ נייעם סוד דערווישט...

1949

נאָך „טהענקסגיווינג״

נאָר־וואָס אַוועק די אייניקלעך,
די איידעמס און די טעכטער,—
האָבן אָנגעפילט דאָס גאַנצע הויז
מיט האַרציקן געלעכטער.

סיי די באָבע, סיי דער זיידע,
אין נחת זיך געבאָדן;
אַלע האָבן געלעקט די פינגער
פון אינדיק און פון פלאָדן.

די קינדער אַלע, פון גליק באַרוישט,
האָבן געליאַרעמט און געטומלט.
שטיל האָבן זיך אַריינגעגנבה׳ט
זכרונות פון אַנומלט...

ניט געבראָכן דאָן די ביינער,
ניט וויי־געטאָן די קריזשעס,
און מיט שטאַרקע באַקן־ציינער
צעמאָלן פעטע קנישעס.

ווער מיר „דייעט״, וואָס מיר „דייעט״!
אַלץ געגעסן, אַלץ פאַרדייעט!
ניט געמאָסטן זיך, געוואויגן;
יעדער טראָט ווי פייל פון בויגן!

נאָר־וואָס אַוועק די אייניקלעך,
די איידעמס און די טעכטער;
געבליבן איז אַן עכאָ בלויז
פון פריילעכן געלעכטער...

1965

איך מוז

איך מוז פון דעם שטאָטישן לעבן אַנטלויפן,
איך קאָן ניט פאַרטראָגן דעם רויש און די לופט.
איך וויל מיין נשמה פון גהינום אויסקויפן;
עס רייצט פון געגראָבענער ערד דער דופט.

איך וויל האָריזאָנטן, וואָס קושן דעם הימל,
אַ טייכל, וואָס פלוידערט טאָג־איין און טאָג־אויס.
טאָלן און בערג, וואָס ליגן אין דרימל,
ביימער, וואָס שפּאַרן צום הימל אַרויס.

איך וויל מיט אַ שמייכל באַגריסן דעם מאָרגן,
זעטיקן גוף און נשמה אין פעלד.
איך קאָן ניט פאַרטראָגן די שטאָטישע זאָרגן;
עס ציט צו אַ רואיקער, שענערער וועלט.

סאַן האסינטא

(אַ באַרג אַזאַ
טורעמט נעבן פּאַלם ספּרינגס)

און גאָט איז געוועזןביים בעסטן געמיט
ווען ער האָט דאָס שטעטל פּאַלם ספּרינגס באַשאַפן.
צו באַוואַכן דעם אוצר, וואָס שימערט און גליט —
געשטעלט סאַן האסינטא אַלס וואַפן.

אַ ריזיקער באַרג פון גיגאַנטישער הויך,
וואָס שפּיזט אין דעם טיף־בלויען הימל;
און אונטן — דאָס שטעטל זיך טוליעט צום באַרג,
געהילט אין אידילישן דרימל.

ווינטער באַפרײַנדעט דער באַרג זיך מיט וואָלקנס,
פאַר׳חלש׳ט פון חמימהס אין זומער;
וואַשט זיך מיט רעגנס און קילט זיך מיט שטורעמס,
טיפּט אין די שנייען אַ שטומער.

פרילינג, נידערט דאָס וואַסער מיט איילנדע טריט,
עס שטראָמט פון דעם באַרג סאַן האסינטא;
עס שלענגלט אין זאַמדן מיט שטיינער אין מיט,
מיט שוימיק און ריטמישן טעמפּאָ.

שטיל איז אין מדבר, צעלאָפן די געסט,
געבליבן בלויז די, וואָס פאַרשטייען,
אַז דאָ איז באַשאַפן פאַר חלום אַ נעסט;
דאָ שפּאַצירן מלאכים אין צווייען.

נידערט דאָס וואַסער פון ריזיקן באַרג,
פאָרמירט זיך אין קליינטשינקע טייכלעך;
אינגלעך אין וואַסער אַזש ביז דעם קאַרק,
און מיידלעך — בלויז ביז די בייכלעך.

קרישטאָל־קלאָר דאָס וואַסער, קעלטער ווי אייז,
שטראָמט עס מיט פרייד און געזאַנגען.
עס רופט און עס וועקט, עס שנעלערט מיין שפּרייז, —
איך פיל זיך פון יוגנט געפאַנגען.

האַרבסט

בלאָזן ווינטן פייכטע, קילע,
רוישן ביימער אין דעם וואַלד.
פאַלן בלעטער געלע, שטילע,
בלייבן ביימער נאַקעט, קאַלט.

שוועבן שוואַרצע וואָלקנס נידריק,
און אין שויב אַ רעגן שמייסט;
כ׳פּיל זיך אויף דער וועלט ווי איבריק,
און אַ בענקשאַפט נאָגט און בייסט.

רייסן ווינטן לאָדנס, דעכער,
ווי אַ בייזע חיה ברומט;
און דער ווינט דערציילט אַלץ העכער,
אַז אַ קאַלטער ווינטער קומט.

פרילינג

ניט ווייט פון מיין פענצטער — אַן ערד-ווייכע שיסל.
אין מיטן דאָרט חלומט און טרויערט אַ בוים.
עס האָט אים דער פראָסט יעדעם בלעטל צעביסן —
פון ווי איינגעקאָרטשעט און האַלטן זיך קוים.

אין מיין נאָענטן באַדויער האָט אַ פרייד אָנגעריסן,
כ'האָב אַ גליקלעכן שמייכל אויף די צווייגלעך דערקענט:
פאַר יעדן בלעטל, וואָס דער פראָסט האָט צעביסן,
האָט גאָט זיי צוויי אַנדערע בלעטלעך געשענקט.

פאַרוואָס משיח קומט ניט

משיח וואָלט שוין לאַנג געקומען
און באַפרייאונג אונז געברענגט,
ווייל ער ווייסט, אַז יעדעס אידיש
האַרץ איז שטאַרק נאָך אים פאַרבענקט.

איז ער אָבער זייער אַלטמאָדיש,
קריכט פון אייזל ניט אַראָפּ...
און איר ווייסט דאָך, אַז אַן אייזל
קאָן ניט לויפן אין גאַלאָפּ...

קען איך משיח'ן בן דוד
געבן, זייער אַ גוטן פּלאַן:
צו באַזאָרגן זיך דעם שנעלסטן
און מאָדערנסטן עראָפּלאַן.

נייע צייטן, נייע מיטלען,—
לאַנגזאַם איז דעם אייזלס טריט.
די באַפרייאונג פון דער מענטשהייט
ברענגען וועט דאָס אייזל ניט...

נאָך סוכות

ניטאָ קיין וואָלקנס אויף דעם הימל;
ס'איז קיין הימל גאָר ניטאָ.
עפּעם אַ געמיש פון בליי און
שטאָל באַדעקט דעם הימל גראָ.

שטייעןביימער ווי פאַרוויינטע,
און די צווייגן נאַקעט, קאַלט;
און די בלעטער אָפּגעלעבטע —
ריכטן זיך צו פאַלן באַלד.

שטייט די סוכה פּוסט, פאַריתומט —
שנעל אַוועק איר קורצער גלאַנץ.
פּויל און נאַקעט טיש און בענקלעך;
ס'קאַפּעט פון איר גרינעם קראַנץ.

דער ווינט אַפילו איז אָפּגעשטאָרבן,
ס'גיט קיין בלאַט זיך ניט אַ קרום.
הענגען אויסגעוויקטע בלעטער
אָפּגעדינטע, געל און שטום.

ביי מיין פענצטער

ביי מיין פענצטער וואַקסן ביימער
און די צווייגן ברייט צעשטרעקט;
פאַלט מיין בליק אויף זיי פון ווייטן,
ווערט מיין האַרץ מיט פרייד באַדעקט.

בויען פייגעלעך דאָרט נעסטן
אויף די צווייגן גרין־באַקרוינט;
בין איך טאַקע זיי מקנא:
איך וואָלט אליין דאָרט אויך געוואוינט...

אַ פייגעלע

צו מיין פענצטער אַ פייגעלע קומט
צופליען יעדן מאָרגן,
ווען ס'ליגט די נאַכט נאָך איינגעהילט,
פאַרחלומט און פאַרבאָרגן.

עס האָט הפנים מורא נאָך
צו עפענען דעם טרילער;
גיט אַ ניט-געוואַגטן טשווירטש,
שטילער נאָך ווי שטילער.

העלער קומט דער טאָג אַרויס
מיט פרימאָרגן-דופטן.
עס פליט מיין פייגעלע אַוועק
אַ פריילעכס אין דער לופטן.

און אַזוי טאָג-איין, טאָג אויס,
זינגט אַ יעדן מאָרגן.
זאָג מיר, טייער פייגעלע:
האָסטו גאָרניט קיין זאָרגן?

שפּיגלט זיך אַ בוים

מיין הויז פאַרמאָגט אַ פענצטער —
אַ גרויס פענצטער.
שפּיגלט זיך דאָרטן אַ בוים —
דער שענסטער.
גייט איצטער אַ רעגן,
אַ דריבנינקער רעגן —
פאַר מיינטוועגן.

ס'איז זונטיק פרי.
דאָס הויזגעזינט
נאָך אין טיפן שלאָף;
אויך דער דרויסן —
אין שטילן דרימל,
חלומט אונטער פאַרוואָלקנטן הימל.

דער ווינט האָט זיך ערגעץ באַהאַלטן.
דער בוים, מיט אָטעם איינגעהאַלטן,
איז מיט שטילן חלום פאַרנומען,
פאַר דעם ליבעס-גלעט,
וואָס פון הויכע הימלען קומען.

אויף בערג

איך געפין זיך אַצינדער אויף בערג אָנגעהויכטע —
ווער ווייסט וויפיל טויזנטער יאָרן;
צי שטייען זיי דאָ פון דער צייט פון בראשית,
אָדער זיינען נאָך פריער געבאָרן?

איך היט זיך ניט דרינגען אין טיפע רעיונות.
ווער ווייסט וואוהין זיי קענען פאַרפירן...
איך בין איצט פאַרנומען מיט צאַרטע חלומות,
וואָס טוען מיין נשמה באַרירן.

שטייען דאָ סאָסנעס געהילט אין אַ תפילה,
וויגן זיך שמונה-עשרה'דיק פרום;
דערשראָקענע שטייען צוויי הירשעלעך שטילע
און קוקן מיך אָן אַזוי שטום.

איך וויל איצט ניט טראַכטן פון אַ וועלט אַ צעדרייטער,—
ניט דאָ איז דער פּלאַץ, ניט דאָס אָרט.
אויך איך אליין שטיי איצט שמונה-עשרה
און טאָר ניט אויסריידן אַ וואָרט...

אין מיין גאָרטן

אין מיין גאָרטן אַזוי וואַרעם
אַן אויסגעפּוצטער בלומען־האַרעם.
באָדן זיך אין זונען־שיין —
אַ מחיה דאָרט צו זיין.

פּירן רויזן דאָ די גרענדע,
פאַררייסן שטאָלץ און הויך די קעפּ;
און צעשטעלט אויף דער וועראַנדע
פאַרבנרייכע בלומען־טעפּ.

נאָר די „פּענזים״ פּראָטעסטירן:
אונזער וואוקס איז טאַקע קליין,
אָבער אַלע הימלישע קאָלירן
געגעבן האָט אונז גאָט אַליין.

ניט פריט זיך

ניט פרייט זיך

ערב מלחמה — 1939

ניט פרייט זיך שטאַרק, איר מענטשן-קינדער
מיט דעם נייעם פרידנס-וואונדער:
דאָס האָט מען בלויז אַ ריס פאַרנייט,
וואָס האָט קיין האַפט און קיין באַדייט.

ניט פרייט זיך שטאַרק, איר דיקטאַטאָרן,
וואָס איר זייט באַגליקט געוואָרן
מיט נאָך אַ זיג, מיט נאָך אַ רויב —
אַ נייער קרבן ליגט אין שטויב.

ניט אייביק וועט מען אויסדערווײַלן
בטלנים גרויסע פאַר פרעמיערן;
געשטופּט דעם ליגן אין די אויגן,
ניט געקענט אים זען און הערן.

ניט אייביק וועלן דיקטאַטאָרן
פּאָכן שווערדן, קלינגען שפּאָרן —
דעם פאָלקס געדולד וועט מוזן פּלאַצן,
פון פייער-פאַקלען, פון ערזאַצן.

דאַן וועלן מענטשן מיט געוויסן
אין שפּיץ פון אַ רעגירונג —
ניט שמידן רו און גליק פאַר זיך;
און פאַר יענעם בלויז פאַרפירונג.

פון לעבנס-בעכער

פון לעבנס-בעכער טרינקען מענטשן
אויף פאַרשידענע אופנים;
מאַנכע טרינקען בלויז צוביסלעך,
מאַנכע וויפיל ס'איז פאַראַנען.

מאַנכע לאַכן הויך און העכער,
צו פאַרשטומען די פאַרלאַנגען,
וואָס עס נאָגט זיי טיף אין האַרצן,
וואָס איז קיינמאָל ניט דערגאַנגען...

ווי אַן אָדלער

עס הויבט דער מענטש זיך ווי אַן אָדלער.
ניין! ער הויבט זיך העכער.
מען גראָבט אוים מינעראַלן פיל
אין מיילן־טיפע לעכער.

עס שניידן שיפן דורך די ים'ען
אין טעג, אַנשטאט חדשים;
די ווימנשאַפט ברענגט יעדן טאָג
אַלץ נייערע חידושים.

מען האָט שוין מיט אַ „ראדאר"־שטראַל
דערגרייכט צו די פּלאַנעטן.
דאָס זוכט מען אַ סטראַטעגיש אָרט—
איך קאָן זיך מיט אייך וועטן...

ס'איז אין באַשאַף שוין אַ מאַשין,
וואָס קען רעכענען און דענקען;
פאַראַנען היינט רפואות שוין
כמעט פאַר אַלע קרענקען.

נאָר איין זאַך, ווי עס ווייזט מיר אוים,—
ס'טוט וויי דאָס צו דערמאָנען:
דער מענטש קען ניט דערהויבן זיך
צו לעבן אין פרייד צוזאַמען.

מענטשן-ליבע...

(מלחמה־בילד)

אַ געטומל! אַ געדרענג!
מענטשן אין דער ברייט און לענג.
אויגן אָנגעשטרענגטע פרעגן:
וואָס איז דאָ געשען?

אויף דעם אַספאַלט אויסגעצויגן,
מיט פאַרגלייזטע, שטאַרע אויגן
ליגט אַ מענטש אין טויט געהילט.
זיין לעבן אָט נאַר־וואָס פאַרשפּילט.

שטייען מענטשן שטילע, בלאַסע,
אויגן פייכטע, אויגן נאַסע:
עס האָט דאָס האַרץ פון דער מאַסע
מענטשן־ליבע איצט דערפילט.

***

אַ געטומל! אַ געדרענג!
מענטשן אין דער ברייט און לענג.
אויגן אָנגעשטרענגטע לייענען
נייעס פון מלחמה־פראָנט.

אַזאַ פרייד! אַזאַ גליק!
ס'לויפט דער שונא ווייט צוריק.
מענטשן שפּרינגען אַזש פון הויט —
צענדליק טויזנט ליגן טויט...

1943

אַ פראַגע

אָ, גרויסער, אַלמעכטיקער פאָטער אין הימל,
ווי וואונדערלעך שיין האָסט באַשאַפן די וועלט!
דער צויבער-געשפּרייט פון די שטערן, פּלאַנעטן,
די טייכן, די וועלדער, דאָס גאַנצע געצעלט.

נאָר איך ווייס ניט, אָ גאָט, ווי דערלאָזסטו מלחמות —
ווען דער מענטש ווערט פאַרוואַנדלט ווי אַ חיה אין וואַלד?
עס מאָרדן זיך אוים דיינע אייגענע קינדער,
וואָס דו האָסט באַשאַפן אין דיין אייגן געשטאַלט.

נאָר זאָג מיר, אָ בוראָ, איך קאָן ניט באַגרייפן —
ווי אַזוי ביסטו זיך נוהג אין מלחמה-צייט,
ווען יעטווידע נאַציע באַרעכטיקט איר שחיטה,
און בעט דיך מיט תפילות צו זיין אויף איר זייט?...

קינדער אין די וויגעלעך

(מלחמה־צײַט)

קינדער אין די וויגעלעך,
וואָס האָבן ניט געזינדיקט נאָך,
פֿאַלן זיי אומשולדיקע
פֿון מלחמה-בראַנד.

הענטלעך אָפּגעשאָסענע,
לאָקן מיט בלוט פֿאַרגאָסענע;
איז ניט נאָר אַ ווייטיק גרויס,
נאָר פֿאַר גאָט אליין אַ שאַנד.

ווייסע קעפּ

(צווייטע וועלט־מלחמה)

די ווייסע קעפּ צוריקגעקומען.
איר געפינט זיי דאָ און דאָרט.
ס׳האָבן יונגע (איצט פּאַרנומען) —
אָפּגעטראָטן זיי דאָס אָרט...

ביי מאַשין, אָט דאָרט — דער זיידע,
ז׳לאַנג געווען שוין אויסבראַקירט,
בלויז דערפאַר, ווייל ס׳האָבן ווייסע
שנייעלעך זיין קאָפּ באַצירט.

קעפּ מיט גרויקייט — בלויז אַ צייכן —
דאָך מיט גלידער אייזן־שטאַרק,
האָבן זיך מיט שאַנד געוואַלגערט
אויף דעם איבערפילטן מאַרק.

אָבער איצט — אַזוי דערציילט מען —
שמעלצט מען איבער גאָר די וועלט.
און עס וועט נאָך דער מלחמה
אַלץ אויף יושר זיין געשטעלט...

טרערן

איך וויל ניט מיט קיין איינציק וואָרט
אונזער חורבן דאָ דערמאָנען.
ס'איז ניט געבוירן נאָך דאָס וואָרט,
צו באַשרייבן חורבן טיף ווי ים'ען.

איך וויל צוגיסן בלויז אַ טרער
צו אַלע אויסגעוויינטע טרערן;
דאָך האַלטן קאָן דער כוס ניט מער,
און פולער קאָן ער שוין ניט ווערן.

און ווען עס וועט מיין לעצטע טרער
פון דעם כוס אַריבעררינען,
אָנגעזאַפּט מיט ווייטיק שווער,
וועט קיין אָרט פאַר זיך געפינען;
וועט זי פאַלן אין טיפן אָפּגרונט;
דאָרטן וועט זי זיין ניט איינע:
ס'פליסן דאָרטן טייכן טרערן,
פון קינדער אויסגעשאָכטן קליינע.

און וועט מיין זודיק־הייסע טרער
דעם טויטן גליווער ניט פאַרנעמען,
צום הימל וועט זי שטייגן שווער
און אַלע טרערן מיט זיך נעמען...

וועלן גלייכע שורות פון מלאכים
דעם גרויסן צער אין זיי דערקענען;
און די געפליגלט ווייסע שרפים
וועלן פאַר זייער גאָט זיך שעמען...

1943

קלאַפּ, מײַן האַרץ

קלאַפּ, מײַן האַרץ, דײַן ריטמיש ליד,
קלאַפּ און קלאַפּ און װער ניט מיד.
ס'איז מיר ליב דײַן ריטם־קלאַנג;
כ'װיל דאָס ליד נאָך הערן לאַנג.

איך װיל נאָך לעבן לאַנג און זען,
װאָס עס װעט מיט דער װעלט געשען;
דאָס יונגע בלוט, װאָס װײקט די ערד —
צי װערט ניט איצט אומזיסט פֿאַרצערט...

זען די מענטשהײט אַ באַגליקטע,
פֿעלקער מער ניט אונטערדריקטע —
װײל איך, האַרץ מײַנס, נאָך דערלעבן.
קלאַפּ־זשע ריטמיש, פֿול מיט לעבן.

1944

אַ מ אָ ל

אַמאָל פלעג איך זינגען פון רויזן און בלומען,
פון פעלדער, פון וועלדער און טייכן;
היינט איז מיין צונג ווי געשמידט צו מיין גומען,
פון אַלעם וואָס שיין וויל איך ווייכן.

אַמאָל פלעג איך זינגען פון שטערן אין הימל,
פון ימ'ען און רוישנדע כוואַליעס;
היינט ליגט מיין ליד ווי פאַרדאַרבן אין שימל —
איך וויל היינט פאַרגעסן פון אַלעס.

אַמאָל פלעג איך זינגען פון נעכט איינגעהילטע
אין סודות, און שטילע פאַרלאַנגען;
עס ליגן באַגערן אַצינדער פאַרשטילטע,
ווייל איך בין פון יאוש געפאַנגען.

אַלעס וואָס שיין איז ליגט איצטער צעטראָטן:
די וועלדער, די פעלדער, די בלומען;
בערג מיט זקנים און קינדער פאַרשאָטן —
אין האַרצן אַ וויטיק אַ שטומען.

נאָר טיף אין אַ ווינקל אין האַרצן פאַרקליבן,
דאָרט וועקט זיך אַ האָפענונג אַ נייער:
דער טייל פון מיין פאָלק, וואָס איז איבערגעבליבן,
וועט לעבן נאָך גליקלעך און פרייער.

אַ טייל פון מיין פאָלק — אַזוי העסלעך פאַרשמיסן,
געשאָכטן, געברענט און געבראָטן;
עס ליגט שוין זיין שונא פאַרניכטעט, צעריסן,
אין חורבות פון שטיינער פאַרשאָטן.

1944

די נאַצי־שיף

די נאַצי־שיף,
אין שטורעם טיף,
פון ווינטן ווערט געשמיסן;
עפּעם ניט גלייך
אין היטלער־רייך;
עס הערט זיך שאַרפע ריסן.

אַ סקריפּ, אַ בראָך,
עס ווערט אַ לאָך —
שווער שוין צו פאַרריכטן.
אַ שטופּ, אַ שטויס,
געפאַר איז גרויס;
ניט ווייט שוין פון פאַרניכטן.

די וועלט געשפּאַנט,
שוין מיד פון בראַנד,
מיט אָטעם איינגעהאַלטן;
ועט די טויזנט־יאָריק
היטלער־מאַכט
אויף פּיצלעך באַלד צעשפּאַלטן.

1946

מענטשן

האָט גאָט באַשאַפן אַ שיינע וועלט;
האָט אויך באַשאַפן מענטשן;
הפּנים ער האָט פאַרגעסן זיי
מיט געטלעכקייט צו בענטשן.

זיינען זיי ווי די חיות ווילד,
ווילד ווי מענטשן־פרעסער;
איר מעגט אייך זאָגן וואָס איר ווילט —
איך ליב שוין חיות בעסער...

די טעג און די יאָרן

די טעג און די יאָרן
פאַרשוואונדן, פאַרלאָרן;
זיי קומען שוין קיינמאָל צוריק.
אַ שטומער פאַרלאַנגען
צוריק זיי צו פאַנגען—
עס גיט דיר אין האַרצן אַ דריק.

דיין שכל פאַרגרעסערט,
דו וואָלסט איצט פאַרבעסערט
דאָס לעבן, און רייכער געמאַכט.
נאָר וואָלט דיין פאַרלאַנגען
צו גאָט נאָר דערגאַנגען—
ער וואָלט זיך גאָר האַרציק צעלאַכט.

ווייל וואָלסטו געבאָרן
איצט ווידער געוואָרן,
וואָלט גאָר קיין נייעס געשען.
צו שטילן פאַרלאַנגען
וואָלסט ווידער באַגאַנגען
די נאַרישקייטן, וואָס שוין געווען...

פּאַלמען

איך האָב צוויי פּאַלמען איינגעפּלאַנצט,
יונגע, גרינע, פרישע;
איינע איז פון מענער־מין;
די צווייטע איז אַן אישה.

שמייסט דער ווינט זיי הין און צוריק,
זיי פּליעסקען מיט די בלעטער;
זיי שמעלצן זיך אין פּאַלמען־גליק
און זינגען צו די געטער.

ווען עס וועלן אייערע וואָרצלען זיך
מיט פעטער ערד אומאַרמען,
און עס וועט די הייסע מדבר־זון
אייך גלעטן און וואַרעמען,—

וועט איר, ווי דער שטייגער איז,
מיט גוטעס מיר באַלוינען;
איר וועט די שטאָלצע פּאַלמעס־הויך
מיט טייטל־גאָלד באַקרוינען.

איין זאַך בלויז עס שטערט מיין פרייד:
איר, מיט יוגנט־גליק פאַרווילטע;
פאַר אייך שטייט אויף אַ נייע וועלט—
מיינע יאָרן— שוין געציילטע.

1949

טענות צו גאָט

צו גאָט האָב איך אייגנטלעך זייער פיל טענות;
עס ליידט זיין וועלטל פון עפּעס אַ קרענק;
אַמאָל האָט עס היץ, אַמאָל האָט עס קעלט,
אַמאָל אָט אַזוי זיך אַ שמערץ אין געלענק.

האָט באַשאַפן טייכן — אַ פּראַכט אָנצוקוקן:
עס שפּיגלט אין זיי זיך דער הימל, די וועלט.
פאַרגלוסט זיי אַ שפּרייז טאָן אַריבער די ברעגן —
פאַרשווענקען זיי הייזער און יעדעס געצעלט.

די בערג, וואָס עס האָט כביכול באַשאַפן —
זיי זיינען די שומרים פון טאָלן אין דרימל.
כאַפּט זיי אַמאָל אין דעם בויך אַזאַ ווייטיק,
און שפּייען מיט פייער אַזש ביזקל דעם הימל.

דער מענטש —
אָט־די געטלעכע יצירה —
איז פון עפּעס אַ קרענק אויך געפאַנגען:
ער קאָן שוין דערגרייכן צו די העכסטע פּלאַנעטן;
נאָר צו שלום קאָן נאָך אַלץ ניט דערלאַנגען.

אַ נאַכט אַזאַ

(מלחמה אָפּצושאַפן מלחמות)

איך ליג מיט אויגן וואַך און אָפן,
ניט עס קומט באַדאַרפטער שלאָף,
שוועבן בילדער — לאַנג־פאַרלאָפן,
ווי אויף אַ קינאָמאָטאָגראַף.

דער ים — גאַנץ נאָענט פון מיין הויז,
איז פיל וואַכזאַמער פון מיר,
שטורעמט דורך דער נאַכט מיט ברויז,
מיר דוכט — אָט פראַלט ער אויף מיין טיר.

שפּארט אַ בילד זיך פאַר מיין אויג
פון לאַנגער, לאַנגער צייט צוריק,
ווען מיט טרומייטער און מיט פּויק,
מיט הילכיק־גרילצנדער מוזיק —

מען האָט די שענסטע קרוין פון יוגנט
פאַרזאַמלט אונטער ביקס און שווערד;
מען האָט פון מאָרד געמאַכט אַ טוגנט,
געלערנט פון העלדנטאַט דעם ווערט...

ניט חלילה צו פאַרשקלאַפן
ניט פאַרנעמען יענעמס ווערט;
בלויז מלחמות אָפּצושאַפן,
אויסצוראָטן פון דער ערד.

ניט באַוויזן גרויסן וואונדער,
ניט נאָך רויט געננג די ערד —
און עס וואַקסן נייע קינדער,
און מען שאַרפט אַ נייע שווערד.

ברויזן כוואַליעס הויך און העכער,
צעשמעטערט זיי אַ פעלזן־וואַנט;
הויבט מיין בלוט זיך איבער דעכער,
און ס'ביילט זיך אין אַ פויסט מיין האַנט.

אַמעריקע

(מלחמה צייט)

אַמעריקע, אַמעריקע,
דו ביסט מיר ליב און טייער.
אַמעריקע, דאָס לאַנד וואָס אָטעמט —
יעדער פריי און פרייער.

ס'איז מיר ליב אַיעדער באַרג,
וואָס גרייכט צו דיינע הימלען;
ס'איז מיר ליב דיין פרעירי־לאַנד,
מיט אָונטס זיסע דרימלען.

די ים'ען, וואָס אומאַרמען דיך
און וואַשן דיינע זוימען;
דער רויש אין די פאַבריקן,
און דער רויך פון זייער קוימען.

ביסט מיר ליבער איצטער — ווען
ס'וויל אַ שונא דיך אומברענגען;
כ'וועל ניט רוען ביז עס וועט
דער שונא זיך אויפהענגען.

אייביק וועט אַזוי ניט זיין

ווען דער רבי אין דעם חדר
האָט געשלאָגן מיך כסדר,
און מיט זיינע בייזע בליקן
פלעגט מיין יוגנט ווערגן, שטיקן,
האָב איך זיך געטרייסט אַליין,
אַז אייביק וועט אַזוי ניט זיין.

ווען איך האָב אַ ווייב גענומען,
זיינען קינדער באַלד געקומען,
און די קינדער פלעגן וויינען,
פּאָקן, מאָזלען און אַנטווייגען,—
האָב איך זיך געטרייסט אַליין,
אַז אייביק וועט אַזוי ניט זיין.

ווען די קינדערלעך צוזאַמען,
פלעגן קוויקן טאַטע-מאַמען,
שיינע, יונגינקע און בויגזאַם,
אי געראָטן, און געהאָרכזאַם,—
האָב געמיינט נאָר איך אַליין,
אַז שטענדיק וועט אַזוי דאָס זיין.

זיינען אַלע זיך צעגאַנגען,
שיינע מענער זיך געפאַנגען,
און זיי שפּינען און זיי וועבן,
און צו גליק, ווי איך, זיי שטרעבן.
און איך ווייס דאָס איצט אַליין,
אַז אַנדערש קאָן דאָס גאָרניט זיין.

זיצן מיר איצט, „דיעד דאַ באַבאַ"
און מען וואַרט אויף עולם הבאַ,
און מיר טראַכטן גאַנץ באַזונדער,
וואָס מען הערט ניט פון די קינדער.
איר פאַרשטייט דאָך שוין אַליין,
אַז אייביק וועט אַזוי ניט זיין...

װי לאַנג

ווי לאַנג

ווי לאַנג ס'וועט האַלטן מיין זכרון,
וועל איך, ליבסטע, דיך געדענקען,
און עס וועט מיין האַרץ, צעווייטיקט,
אייביק, אייביק נאָך דיר בענקען.

ווי לאַנג ס'וועט האַלטן מיין זכרון,
וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן,
ווען דו ביסט נעכטיקן געבליבן,
און איך בין ביים בעט געזעסן.

שיין געוועזן דאָן אין דרויסן:
אַ הערלעך-שיינע זומער-נאַכט:
ס'האָט די לבנה אויסגעפוצט זיך
אין איר שענסטער הימל-פּראַכט.

אַ זילבער-שיין דורכן פענצטער,
האָט זיך פאַר'גנב'עט אויף דיין ברוסט;
האָט מיין מורמלען דאָן געציטערט,
אָנגעפילט מיין האַרץ מיט לוסט.

איך האָב אין האַרצן גאָט געבעטן,
געבעטן ביי זיין גרויסער מאַכט —
ער זאָל אין אייביקייט פאַרוואַנדלען
די הערלעך-שיינע ליבעס-נאַכט.

ווי לאַנג ס'וועט האַלטן מיין זכרון,
וועל איך דעם צויבער ניט פאַרגעסן;
אייביק וועל איך דאָס געדענקען,
און מיט האַרצווייי נאָך דיר בענקען.

װ ו ע ר

װער איז דאָס די קראַפט, װאָס צעטײלט האָט אונז בײדן?
װער האָט עס מײַן הערלעכסטן חלום צעשטערט?
װער האָט עס געפּלאַנצט אין מײַן האַרצן די לײדן?
װער האָט דיר, מײַן ליבסטע, דאָס לעבן פאַרװערט?

װי יונג ביסטו געװעזן װען כ׳האָב דיך געפונען:
אַ פּראַכטפולע, צאַרט, אונאַנטװיקלטע רויז.
דו האָסט אין מײַן האַרצן דעם מזרח פאַרנומען,
דורך טאָג און דורך נאַכט, געטראַכט פון דיר בלויז.

מײַן ליבע צו דיר האָט געקרעפטיקט מײַן װילן,
דײַן ליבע צו מיר האָט דערהויבן מײַן גײַסט,
געפלאַנצט אין מײַן האַרצן די שענסטע געפילן —
צו שאַפן גענוס דיר כ׳האָב שטענדיק געפלײַסט.

פאַרװאָס, האָסטו, לעבן, אַזױ מיך באַהאַנדלט?
װער האָט עס אין הויז מיר דעם חורבן געבראַכט?
װער האָט עס מײַן שענסטע אידיליע פאַרװאַנדלט
אין אַ העסלעך־פאַרװאָלקנטע פינצטערע נאַכט?

1940

מיינע טעג

עס זיינען טרויעריק מיינע טעג,
נאָך טרויעריקער די נאַכט,
זינט עס האָט אַ בייזע האַנט דיך,
מיין געליבטע, אומגעבראַכט.

אַזוי פּלוצלונג, אומדערוואַרטעט,
איז דאָס אומגליק מיר געשען!
זוך איך דיך אין יעדן ווינקל —
אפשר וועל איך דיך דערזען.

אַלעם שיינט מיר אַזוי נוצלאָז,
פאַר דעם לעבן כ׳האָב קיין צוועק;
יעדער טאָג מיר ברענגט אַנטוישונג,
און עס ברענגט די נאַכט מיר שרעק.

איך וואָלט

איך וואָלט דאָס לעבן אָפּגעגעבן,
ווען איך וואָלט כאָטש אַ פּאָר סעקונדן
זיין געקאָנט ביי דיר אין האַרצן,
ווען ס'האָט אַ פּלאַם דיין בלוט געצונדן.

דיין קאָפּ פאַרוואָרפן ווי אין אונמאַכט,
ביסטו געלעגן אויף מיין ברוסט;
האָט אַ ציטער — לאַנג פאַרשלאָפן,
אויפגעוואַכט מיט פרייד און לוסט.

איך וואָלט דאָס לעבן אָפּגעגעבן,
ווען איך וואָלט אַ מינוט פאַרווײַלט
ביי דיר אין האַרצן, און צו הערן
די סודות, וואָס דיין האַרץ דערציילט...

דער צוויי-קאַמף

אַ צוויי-קאַמף שטורעמט אין מיין נשמה,
סטראַשעט צו פאַרניכטן אַלץ.
איז דאָס האַרץ מיר שווער צעווייטיקט,
ווי אַ וואונד געווייקט אין זאַלץ.

באַווייזט די זון זיך דורך די וואָלקנס,
פאַלט אַ העלער שטראַל אויף מיר.
באַלד פאַרשפרייט זיך צוריק דער חושך,
און עס רייסט דער שטורעם מיין טיר.

אין דעם קאַמף צווישן ביידן,
איך שטיי פאַרוואונדעט אין דער מיט.
ווער עס וועט דעם קאַמף געווינען—
אַ פראַגע אין מיין האַרצן גליט.

ערשט נעכטן

ערשט נעכטן האָסטו מיר דערציילט.
כ׳בין מודה: עס האָט מיך שטאַרק געוויילט —
אַז — האָסטו מיר דאַן געזאָגט:
ביי דיר אין האַרצן אויך עס טאָגט...

קוק איך מיינע אויגן אויס,
אַז ס׳זאָל דער טאָג שוין ווערן גרויס,
און זאָל אַ ליכט זיך העל אָנצינדן;
דיין לעצטער צווייפל זאָל פאַרשווינדן.

דאַן — פון יאוש אַ באַפרייטער,
אַ באַלעבטער און באַנייטער,
איך וועל דיר מיט אַ נייעם שטרעבן,
אַ וואַרעם אָרט אין האַרצן געבן.

פון דיין שיינעם ליבן שמייכל,
פון דיין טאַקט און פון דיין שכל,
וועט דער קליינער „קיופיד״ שמידן
אונזער צוקונפט, אונזער פרידן.

אַ פ י י ע ר

אַ פייער האָט זיך אָנגעצונדן
אין מיין האַרצן טיף;
ווי אַזוי דאָס אויסצולעשן
האָב איך קיין באַגריף.

שטייגט-זשע העכער, פייער-צונגען,
ליבעס פלאַמען-טאַנץ.
איר מעגט פאַרצערן אַלטע ליידן,
נאָר לאָזט דאָס האַרץ מיר גאַנץ.

האָפֿענונג

לאַנגזאַם, לאַנגזאַם בלייכט דער הימל,
לאַנגזאַם לעשט דער מאָרגנשטערן.
לאַנגזאַם וואַכט דער טיפֿער דרימל:
ס'וועט דער טאָג באַלד מיר געהערן.

ס'האָט די נאַכט זיך לאַנג געצויגן —
אַן אייביקייט — מיר האָט געדאַכט.
דעראינערונגען ווייט געפֿלויגן,
אין דער שטילקייט פֿון דער נאַכט.

עס פֿאַרשווינדן נאַכט־געשפּענסטער,
זונענשטראַלן שטייגן הויך.
צינדן העלער זיך די פֿענצטער,
און צו מיר — אַ שטראַל פֿאַלט אויך...

געליבטע

איך וועל אַ הויז אַ שיינס דיר בויען,
אַ נעסט פון שטילקייט און פון רו.
אַרום דעם הויז איך וועל בלומען זייען,
פרוכטן־ביימער נאָך דערצו.

איך וועל אַ טעפּיך דאָרט פאַרשפּרייטן
פון די שענסטע גראָזן גרין.
ביים אַריינגאַנג רויזן־קוסטעס,
וואו חיונה עס שעפּט די בין.

צווישן ביימער צוויי באַצווייגטע,
אונטער גרינעם שאָטן קיל,
איך וועל אַ „העמאַק" דאָרט אויפהענגען,
פאַר אַ הוידלדיקער שפּיל...

וועסטו מיד פון לייענען ווערן,
און דו וועסט שטיל איינדרימלען —
אַ לאַשטשנד ווינטל וועט דיך גלעטן,
באַדעקט מיט בלויע הימלען.

וועל איך שטיל זיך אַריבערבויגן —
דיין שלאָף איך זאָל ניט שטערן;
און וועל אַ לייכטן קוש דיר געבן,
וואָס בלויז מלאכים הערן.

עס פאַלט איצט אַ רעגן

עס פאַלט איצט אין דרויסן אַ דריבנינקער רעגן
און וועקט מיר אַ בענקשאַפט אין האַרצן;
איך וואָלט איצט מיט פרייד דיר געלאָפן אַנטקעגן,
ווייל דו נאָר קענסט היילן די שמערצן.

איך וואָלט דיך מיט צאַרטקייט און ליבע אומאַרעמט,
צום האַרצן געדריקט דיך מיט פייער;
עס וואָלט מיין נשמה, פון פריידן געוואַרעמט,
געוואָרן געלייטערט און נייער.

נאָר גרייכן דיך קאָן איך איצט בלויז אין געדאַנקען —
עס קאָן מיר דאָס קיינער ניט שטערן;
די צייט וועט דאָך זיכער אַ שמייכל מיר שענקען:
דער מאָרגן וועט אויך מיר געהערן.

גליק

ס׳איז מיין פאַרלאַנג
שוין יאָרן לאַנג
דיך צו קריגן אין מיין פאַנג.
איך זוך דיך דאָ,
איך זוך דיך דאָרט,
און געפין קיינמאָל דיין אָרט.

ס׳איז אַמאָל געשען —
כ׳האָב דיך דערזען,
און געמיינט די וועלט איז מיין;
דו טוסט אַ שפּרונג,
שטעקסט אוים די צונג,
און דו הערסט גאָר אויף צו זיין...

דער היינט און דער מאָרגן

דער היינט און דער מאָרגן,
זיי ברענגען מיר זאָרגן
און רויבן מיין רו מיר אַוועק.
געשטערט איז מיין פרידן
מיט דאגות פאַרשידן —
עס ברענגט מיר דער מאָרגן פיל שרעק.

איך וואָלט מיט דעם היינט,
אויף וויפיל מיר שיינט,
געלעבט זיך אָן זאָרגן און אָן שרעק;
נאָר אָט קומט דער מאָרגן
מיט וואָפן פאַרבאָרגן,
און הרג'עט דעם היינט מיר אַוועק.

גייט אַ בלינדער

גייט אַ בלינדער אויף דער גאַס,
די אויגן אויסגערונען, נאַס,
און דעם וועג אים ווייזט אַ הונט;
צווישןביידן אַ ליבעס־בונד.

שפּאַנט דער בלינדער טראָט־ביי־טראָט,
און דער הונט קיין ברירה האָט,—
פירט דעם בלינדן אומעטום,
פירט אים שווייגנדיק און שטום.

עס גיט אין האַרצן מיר אַ ריס—
דער פלאָנטער פון די דריי פּאָר פיס...
איז דער צער פון בלינדן גרויס;
גייט מיין האַרץ פאַר ביידן אויס.

אין דעם וועלדל

אין דעם וועלדל פליסט אַ וואַסער,
שלענגלט צווישן באַרג און בוים.
שטראָמען שטיפעריש די וועלן
מיט אַ רעש און מיט אַ שוים.

פליסט דאָס וואַסער ווייט און ווייטער,
אָן אַ ציל און אָן אַ צוועק.
קעמפט מיט צווייגן און מיט שטיינער,
שטראָמט זיך שטיפעריש אַוועק.

נעמט מיך, כוואַליעס, אין דער מיטן,
טראָגט מיך ווייט אויף אייער שוים;
אפשר דאָרט וואוהין איר יאָגט זיך,
זעט די וועלט נאָך שענער אויס...

איך שפּרייז

איך שפּרייז אַהין און צוריק אין הויז,
די הענט פאַרלייגט אַהינטער.
שפּרייזנדיק כ׳מעסט מיילן אוים,
סיי זומער און סיי ווינטער.

איך שפּאַן אַהין און שפּאַן צוריק —
דער שטערן אַ צעקארבטער.
דאָס זוך איך אַלץ דעם סוד פון גליק,
מיט העלער ליכט באַפּאַרבטער.

אָפּטמאָל דוכט מיר — איך האָב דאָס גליק
פון לאַנג שוין אויסגעפונען.
נאָר אָט גיב איך אַ שפּאַן צוריק,
און אַלעס ווערט צערונען.

אַ שפּאַציר אין גן-עדן

גערוידמעט צו יעקב גלאַטשטיין

איך שיק דיר, מיין חבר, אַ קליינע מתנה.
קאָן זיין, אַז מיך האָסטו לאַנג שוין פאַרגעסן.
געדענקסטו — מיר האָבן שפּאַצירט אין גן-עדן,
צוזאַמען די גאָלדענע פּרוכטן געגעסן...

איך וויל דאָ דערמאָנען דעם ווינקל אין מדבר,
וואו גאָט האָט זיין האַרציקסטע ברכה געגעבן:
די ביימער פאַרטיפט אין אַ הייליקער תפילה —
זיי האָבן געזעטיקט דאָס אויג און דאָס לעבן.

פּאַלמען צעצווייגטע, ווי מושטירטע סאָלדאַטן:
דאָס זיינען הוזאַרן פון מדבר, פאַרפּוצטע.
די קעפּ אַזוי הויך צו די הימלען פאַרריסן,
אין זייער שאָטן די גאָלדענע טייטלען באַשיצטע.

דער אונענדלעכער הימל — אַ טורקוס אַן עכטער.
דער גערינגל פון בערג מיט חן-גריבלעך באַדעקטע.
די פּוך-ווייכע וואָלקנס אין פלירט מיט דער זון,
האָבן שוועבנדיק געשפּרייט פיגורן געפלעקטע.

געדענקסטו די מאָרגנס, דעם שטילן באַגינען,
ווען דער מדבר איז אין זיין טיפן שלאָף געלעגן?
די זון האָט זיך אויף אירע שפּיץ פינגער געשטעלט
און מיט גינגאָלד געצונדן די בערג פון אַנטקעגן.

* * *

איך טראַכט פון דעם פּרעכטיקן זוניקן צויבער,
וואו וואַקלענדער גלויבן ווערט ווידער געקרעפטיקט.
איך טראַכט ווי די וועלט איז פאַרזונקען אין שוידער;
ווי האָט עס „איין" גאָט אָט־די ביידע באַהעפטיקט?...

ניט קיין למדן

ניט קיין למדן געווען מיין טאַטע,
ניט געגריבלט זיך אין ספרים.
זיבן קינדער, ניט קיין זאַטע,
און אַ שטיבל קליין און אָרעם.

געשטאַנען הילצערנע צוויי בעטן:
פאַר דעם טאַטן און פאַר דער מאַמען;
דאָס גאַנצע איבעריקע געזינדל
געוואַלגערט אויפן דיל צוזאַמען.

אין קאַלטע ווינטער-נעכט, די לאַנגע,
האָט מיין מאַמע זיך דערבאַרעמט:
אַ קינד אין בעט אריינגענומען,
און געטוליעט עס, געוואַרעמט.

דער טאַטע — שטענדיק אַ פאַרטראַכטער:
דאָס שטיקל בידנע ברויט פאַרזאָרגן;
האָט ער טיף געקנייטשט דעם שטערן
ביים דאַווענען אַ יעדן מאָרגן.

איך קאָן ביז היינט נאָך ניט באַגרייפן,
איך האָב דאָס קיינמאָל ניט באַנומען —
די נשמה-יתרה יעדן שבת —
דורך וועלכער טיר איז זי געקומען?

דאָס זעלבע שטיבל קוקט אויס העלער,
די קנויט אין לאָמפּ אַ גלייך פאַרשניצטע.
מיר וואַרטן אויף דעם טאַטנס קידוש
מיט אויערן ריינע, אָנגעשפּיצטע.

די גלאַנציק מעשענע פיר לייכטער,
ביים צוקאָפּנס פון די חלות,
האָבן, דוכט מיר, ווייט פאַרטריבן
דעם איינגעפונדעוועטן דלות.

ניט געוועזן קיין סעודות-מלכות —
דאָך געוועזן זאַט צו עסן;
ליכטיקער דער מאַמעס פּנים,
דעם טאַטנס זאָרגן אויך פאַרגעסן.

און ווען דער גוטער שבת-קודש
גענומען האָט אין וועג זיך גרייטן,
און עס האָט אַ שטילע בענקשאַפט
אויף די ווענט גענומען שפּרייטן —

האָט באַהאַפטן זיך מיט שאָטנס
אַ ניגון, קוים געקאָנט אים הערן;
און די מאַמע ביי דעם פענצטער
האָט געזוכט דעם ערשטן שטערן.

מיט אַ הייליק פרומען פּנים,
ביי אַלע אבות אויסגעבעטן
אַ געזונט פאַר מאַן און קינדער,
און פאַר אַלע ברויט צו זעטן.

נאָך הבדלה האָט דער טאַטע
דעם המבדיל אויסגעזונגען.
אין זיין שטימע, ווי מיר דוכט זיך,
האָט אַ נייע זאָרג געקלונגען...

מיין שיף

עס דערנענטערט זיך מיין שיף צום ברעג —
זיץ איך ניט און צייל די טעג
און וואַרט פאַר איר אָנקומען...

מיין נעכטן איז שוין לאַנג פאַרלוירן,
מיין מאָרגן איז נאָך ניט געבוירן;
בין איך מיט מיין היינט פאַרנומען,
דאָס ניט־דערגרייכטע צו באַקומען.
אפשר וועל איך דאָך דערלאַנגען
צו די הויכן, ניט־דערגאַנגען...

ליגט מיין קאָפּ אַ מידער

אויף דער ברוסט פון מיין געליבטער
ליגט מיין קאָפּ אַ מידער
און הערט זיך צו צום האַרצנס-טאַקט,
פון אונטער ווייכע גלידער.

ליג איך מיט פאַרמאַכטע אויגן,
מיט דאַנק אויף מיינע ליפּן
צו דעם, וואָס האָט די צאַרטע פורעם
געשניצט פון אָדם׳ס ריפּן.

איך בעט ביי דעם, וואָס אייביק לעבט,
אַז ער זאָל מיך דערהערן:
באַווייזן מיר אַ נס, אַז עס זאָל
די נאַכט קיינמאָל אויפהערן.

אינהאַלט

מיין וויג איז דאָרט געשטאַנען 3
דער וואַלד 10
דעם זיידנס זייגער 12
וואַרשע 13
מצות 16
אַ שטערן 18
באָבעס 19

ביי אַ שרייבער־אָוונט

ביי אַ שרייבער־אָוונט 23
אַ טענה צום קרומען 24
די לבנה 25
מאָדע 26
פּעסימיזם 26
אין מיין יוגנט 27
געלט 28
גייט אַ איינגעלע 30
הונגער 31
צייט 32
טויבן 33
מעוועס 34
אין אַ גאָרטן 35
וואָס איז שיין ? 36
ליגט דער מדבר 37
זיי געגריסט, הגנה ! 38
פאַרבייגייענדיק 39
עס טאָגט 40
פרילינג איז געקומען 41
פאַרטאָג 42

אַ צימער רײַן

אַ צימער רײַן 45
קינדער 46
שטימונג 47
דורך טויזנטער יאָרן 48
די באַן 49
נאָך „טהענקסגיווינג״ 50
איך מוז 51
סאַן האסינטא 52
האַרבסט 53
פרילינג 54
פאַרוואָס משיח קומט נישט 55
נאָך סוכות 56
ביי מיין פענצטער 57
אַ פייגעלע 58
שפיגלט זיך אַ בוים 59
אויף בערג 60
אין מיין גאָרטן 61

ניט פרייט זיך

ניט פרייט זיך 65
פון לעבנס־בעכער 66
ווי אַן אָדלער 67
מענטשן־ליבע 68
אַ פראַגע 69
קינדער אין די וויגעלעך 70
ווייסע קעפּ 71
טרערן 72
קלאַפּ, מיין האַרץ 73
אַמאָל 74
די נאַצי־שיף 75
מענטשן 76

די טעג און די יאָרן 77
פּאַלמען 78
טענות צו גאָט 79
אַ נאַכט אַזאַ 80
אַמעריקע 81
אייביק וועט אַזוי ניט זיין 82

ווי לאַנג

ווי לאַנג 85
ווער 86
מיינע טעג 87
איך וואָלט 88
דער צוויי־קאַמף 89
ערשט נעכטן 90
אַ פּייער 91
האָפענונג 92
געליבטע 93
עס פּאַלט איצט אַ רעגן 94
גליק 95
דער היינט און דער מאָרגן 96
גייט אַ בלינדער 97
אין דעם וועלדל 98
איך שפּרייז 99
אַ שפּאַציר אין גן־עדן 100
ניט קיין למדן 102
מיין שיף 104
ליגט מיין קאָפּ אַ מידער 105